מאמר השקפה

פר' לך לך

שנת תשפ"ה לפ"ק

# מיר טראכטן ווי בני חורין

# ברוך שלא עשני עבד...

מיר קומען קוים ארויס פון שמחת תורה, מיר דארפן אנהויבן מיט'ן אויספירן אונזערע הייליגע קבלות. אבער די גוי'אישע נייעס ווילן אונז איבערנעמען אינגאנצן.

עס האט זיך אנגערוקט די אמעריקאנער וואלן, און עס נעמט עפעס איבער די גאנצע גאס, עס האט כובש געווען דעם גאנצן מצב - כמעט אויך די בתי כנסיות ובתי מדרשות - איבעראל וואו מ'שטייט און וואו מ'גייט איז מען אזוי פארטון און פארקאכט, מ'ברענט, מ'לאזט זיך הערן, און מ'האט א מיינונג, עס איז זייער נישט פשוט דער מצב.

זאגט א איד היינט אינדערפרי ברוח הדברים די באקאנטע מעשה פון הרה"צ רבי נטע צענווירטה ז"ל פון ירושלים, וועלכער האט געוואלט וויסן א טאג נאך די וואלן אין אמעריקע ווער עס איז דער נייער פרעזידענט, עס איז אלעמען געווען א פלא אז דאס אינטערעסירט דעם ירושלימ'ער צדיק, האט ער זיך ערקלערט אז ער וויל דאס וויסן נאר כדי צו וויסן ווען צו אינזינען האבן ביי די ברכה 'שלא עשני גוי', ארויסברענגנדיג אז נישט דער ערל וואס מאכט 'שפאנזשע' אין מוסד החינוך האט מען אינזינען ביי די ברכה, נאר דעם סאמע סאמע העכסטן ערל טמא, וואס איז יושב בכבודו של עולם, מלא תענוגים ועשירות, אים קוקן מיר אראפ, מיר לויבן דעם אויבערשטן אז מיר זענען נישט ווי אים.

זאגט אונזער איד, אז ביי 'שלא עשני גוי' האט ער אינזינען 'טראמפ', און ביי 'שלא עשני אשה' האט ער אינזינען 'העריס'.

ואף אתה אמר לו, אז ביי 'שלא עשני עבד' האב איך אינזינען צו לויבן און דאנקען דעם הייליגן באשעפער וואס האט מיך נישט באשאפן אלס עבד כנעני פון די גוי'אישע נייעס, און איך קען רואיג זאגן ברכת השחר, און נישט טראכטן נישט פון 'טראמפ' און נישט פון 'העריס'. קיינער פון זיי, נישט דער ערל טמא און נישט די טמא'נע ערלית שפילן נישט קיין ראלע אין מיין פערזענליכע תפילת שחרית, קיינער פון זיי מאכט נישט אויס אין מיין טאג טעגליכע הלוך ילך און מיין סדר היום.

מיר ווייסן און געדענקען, מירווארטן און מיר האפן אויף ביאת הגואל, נישט אויף הערצל'ס מדינה האבן מיר מתפלל געווען אלע יארן, און נישט אויף נתניהו'ס גליקן האבן מיר ארויסגעקוקט.

ליידער, ליידער, וואס אט די רשעים האבן גורם געווען מיט זייערע מעשים האבן מיר שוין גענוג געזען עד היום הזה. יעצט ווארטן מיר שוין צו די אמת'ע גאולה שלימה פונעם רבש"ע אליין, את צמח דוד עבדך מהרה תצמיח וקרנו תרום בישועתך.

## טראכטן ווי בני חורין, נישט ווי עבדים...

שלא עשני עבד.

מיר ווילן נישט זיין קיין עבדים פאר די אמעריקאנער פאליטיק, מיר ווילן נישט אז אנדערע זאלן פירן אונזערע מוחות, און גורם זיין צו אונזערע באשליסן און החלטות.

אז מיר טראכטן ווי אידן האבן מיר דאך די גאנצע ברייטע מעגליכקייט צו קענען טראכטן רואיג, אפן און ברייט, וויאזוי אן ערליכער איד דארף טראכטן, לויט ווי מיר זעען אין די פסוקי התורה די וואך אין די סדרה, און וואס אברהם אבינו ע"ה לערנט אונז.

די וואך אין די סדרה באגעגענען מיר זיך מיט'ן טאטן פון כלל ישראל אברהם אבינו, דער אב המון גוים, דער ערשטער איד, דער ערשטער מאמין בה', און דער ערשטער וואס האט עפנטליך כופר געווען אין די עבודה זרה און זיך מוסר נפש געווען אויף קידוש שמו יתברך, ווען ער איז מיט מסירות נפש אריין צווישן די פייער צינגען צוליב זיין מסירות נפש פאר כבוד שמים.

ואת הנפש אשר עשו בחרן.

אברהם אבינו האט מגייר געווען גרים, שרה מגיירת את הנשים, כאטש אין חז"ל און אין די ספה"ק מוטשעט מען זיך ארום וואס עס האט זיך למעשה אויסגעלאזט מיט די גרים, און ווער געוועני זענען די גרים געווען, איז אבער קלאר אז די עבודה פון אברהם אבינו ע"ה איז געווען צו פארשפרייטן די ריינע אמונה אין השי"ת, "ברכו למי שאכלתם משלו" איז געווען זיין אויסרוף יעדעס מאל נאכדעם וואס זיינע אורחים האבן געגעסן ביי אים א סעודה, און ער האט אריינגעגעבן אין זייערע הערצער אז עס איז דא א באשעפער אויף די וועלט, און ער איז משגיח בעליונים ובתחתונים.

אברהם אבינו איז געווען דער ראש וראשון וועלכער האט זיך געזארגט צו מפיץ זיין אמונה בה', ויבן שם מזבח לה' ויקרא בשם ה', ער האט אויפגעשטעלט דעם יסוד פון כלל ישראל וואס דאס איז אמונה בה', ער איז געווען דער רבי פונעם דור וואס האט מודיע געווען אז עס איז דא א באשעפער אויף די וועלט, און נישט אומזיסט האט ער זוכה געווען צו זיין דער יסוד פון כלל ישראל, דער טאטע

פון די הייליגע אידן וואס דער רבש"ע האט אויסגעוועלט להיות לו לעם סגולה מכל העמים.

אברהם אבינו איז טאקע געווען דער ערשטער וואס השי"ת האט אים מבטיח געווען ארץ ישראל, לזרעתך אתן את הארץ הזאת, דאס איז געווען די מתנה טובה וואס דער רבש"ע האט אוועק געלייגט פאר כלל ישראל אלס שכר פון שמירת התורה והמצוות, וואס אין די תורה הק' און אין די פסוקי נ"ך באגעגנט מען זיך דערמיט מערערע מאל אז "ארץ ישראל" איז א "מתנה" פאר אידישע קינדער ווען זיי פירן זיך אויף ערליך אזוי ווי עס דארף צו זיין.

**דארפן מיר גדענקען 'לזרעך נתתי את הארץ הזאת' די מתנת ה' איז תלוי אינעם רצון עליון, אלעס איז תלוי אויב דער רבש"ע וויל אונז דאס געבן און צי מיר האבן דאס פארדינט. צי מיר פירן זיך אויף ווי בני אברהם יצחק ויעקב, און האבן זוכה געווען אז דער אויבערשטער האט אונז צוריק געגעבן זיין טייערע מתנה. אבער כל זמן מיר זענען נישט דארט, און מיר וואוינען נישט אין ארץ ישראל, נאר מגזירת הגלות זיצן מיר אין גלות, דארפן מיר זיך אויפפירן ווי ערליכע 'גלות אידן', און נישט מאכן אליין קיין שום חשבונות.**

מערערע מאל אין די מקראי קודש ווערט דערמאנט און איבערגע'חזר'ט, אז 'אם שמוע תשמעו בקולי' דעמאלטס וועט מען ווערד זיין די מתנה פון באקומען ארץ ישראל, און ח"ו 'אם לא תשמעו לי' וועט קומען די ביטערע עונשים וואס וועלן פארטרייבן אידישע קינדער פון דאס הייליג לאנד.

אברהם אבינו האט אראפ געשטעלט אז דער יסוד פון כלל ישראל איז 'אמונה', בשעת מתן תורה האט דער רבש"ע געשטעלט דעם יסוד פון כלל ישראל אויף 'תורה', היום הזה נהיית לעם, דער טאג פון מתן תורה דאס האט געמאכט כלל ישראל פאר א פאלק, ווייל די אמונה בה', די תורה הק', שמירת התורה והמצוות דאס איז דער עצם יסוד פון כלל ישראל, ווי רבי סעדי' גאון שרייבט אין קורצע ווערטער "אין אומתינו אומה אלא בתורותה", דאס כלל ישראל עקזיסטירט אלס פאלק נאר דורך די תורה הק'. און עס איז נישטא קיין שום זאך אויסער "אמונה" און "שמירת התורה והמצוות" וואס זאל מאכן כלל ישראל פאר א פאלק.

אט דאס לערנען מיר אין פרשת לך לך.

מיר דארפן דאס לערנען, און 'דערלערנען' אין פרשת לך לך, כהיום הזה ווען יעדער איז אזוי פארטון און פארקאכט, מ'לעבט טאג טעגליך מיט די גוי'אישע פאליטיק, און די ציוני'סטישע פאליטיק, מ'ווארט צו זען 'יד מי גברה', צי וועלן די ציונים זיין שטארקער ווי די פאלעסטינער און איראנער, צי וועלן די בני פרס זיך דערשרעקן פון די ציונים און נישט אויספירן זייערע סטראשונקעס.

דארפן מיר געדענקען 'לזרעך נתתי את הארץ הזאת' די מתנת ה' איז תלוי אינעם רצון עליון, אלעס איז תלוי אויב דער רבש"ע וויל אונז דאס געבן און צי מיר האבן דאס פארדינט. צי מיר פירן זיך אויף ווי בני אברהם יצחק ויעקב, און האבן זוכה געווען אז דער אויבערשטער האט אונז צוריק געגעבן זיין טייערע מתנה. אבער כל זמן מיר זענען נישט דארט, און מיר וואוינען נישט אין ארץ ישראל, נאר מגזירת הגלות זיצן מיר אין גלות, דארפן מיר זיך אויפפירן ווי ערליכע 'גלות אידן', און נישט מאכן אליין קיין שום חשבונות.

ווי שאקירנד איז צו זען אויף 'פרומע' פלעצער מאכן אן עסק פון די ציוני'סטישע נצחונות, ווי כאילו דאס זענען 'אידישע' נצחונות, און ווי כאילו די פעולות פון מינים ואפיקורסים זענען עפעס נוגע דאס כלל ישראל לכאן או לכאן.

מיר ווייסן און געדענקען, מיר ווארטן און מיר האפן אויף ביאת הגואל, נישט אויף הערצל'ס מדינה האבן מיר מתפלל געווען אלע יארן, און נישט אויף נתניהו'ס גליקן האבן מיר ארויסגעקוקט.

ליידער, ליידער, וואס אט די רשעים האבן גורם געווען מיט זייערע מעשים האבן מיר שוין גענוג געזען עד היום הזה. יעצט ווארטן מיר שוין צו די אמת'ע גאולה שלימה פונעם רבש"ע אליין, את צמח דוד עבדך מהרה תצמיח וקרנו תרום בישועתך.

דאס זענען 'פרייע מחשבות', נישט געבינדן דורך אנדערע, ברוך שלא עשני עבד.

## נישט מאכן קיין ברכה לבטלה

ווען עס קומט צו אמעריקאנער פאליטיק, דער גאנצער הלך ילך אין גלות אמעריקע, האט דער 'גלות אידל' אויף זיין מהלך, און זיינע צווימונגען וואס יא און וואס נישט, וואס ער מעג טראכטן און קלערן.

מיר לעבן היינט אין אזא טעכנישע וועלט, א וועלט פון חשבונות, סטאטיסטיקס, אנקעטעס, און חשבונות בשר ודם אויף אן אבנארמאלן אופן. מענטשן זענען פארנומען כסדר צו קאלעקטן כסדר נאך און נאך אינפארמאציע, קוים וואס דער מח באוועיזט דאס צו קענען דערהייבן און פארדייען, און מען נעמט שוין אויף פרישע סחורה.

אויף דעם סמך בויט מען החלטות, און מען מאכט חשבונות, מען האט רצוניות, און מען ווערט אזוי פארשלעפט מער און מער ביז ווען מ'פארגעסט ווי אזוי מ'הייסט.

אין די לעצטע יארן האט די גוי'אישע פאליטיק אונז זייער שטארק איינגענומען.

אמאל זענען עס געווען די שלוחי ציבור, די עסקנים ושתדלנים וואס זיי האבן באמת עוסק געווען צו העלפן דעם ציבור, ברענגען כל ערליי הילף פאר'ן ציבור און פאר די טויזנטער יחידים, זיי האבן זיך אראפגעלאזט פון זייער הויכן אידישן שטאנד און געהאט פארבינדונגען מיט די ערלים, און ווען זיי האבן אונז מודיע געווען אז ביים וואל-טאג דארף מען וועלן פאר 'עכבר בן חתול' האט מען געפאלגט, דאס איז אונזער אידישע פליכט. אלעס איז געווען מיט אן אחריות'דיגע און פארזיכטיגע צוגאנג, אויף די אנווייזונגען פון די מנהיגי ישראל.

קיינמאל איז דאס אבער נישט געווען אויף אזא פארנעם, אז מען האט דאס אנגעהויבן צו נעמען זייער פערזענליך. אידן צווישן אונז זענען געווארן "חסידי אומות העולם", אינעם נייעם טייטש

"חסידים פון גוים", מ'נעמט אן זייער גייסט, מ'נעמט אן זייער געדאנקנס גאנג און זייער מהלך המחשבה. מ'מאכט פאליטישע באשליסן באזירט אויף אייגענע חלומות און דמיונות, פריוואטע אינטערעסן [צומאל גוט באצאלטע... וד"ל] און פאליטישע פאנטאזיעס, און מ'רעכנט זיך בכלל נישט מיט די אינטערעסן פונעם ברייטן ציבור, נאר מיט ריין גוי'אישע חשבונות און 'אידעאלאגיעס'.

אין אנדערע ווערטער, דער "שלא עשני גוי" קען זיין א ברכה לבטלה.

## יש מנהיג לבירה

לאמיר נאך אביסל מתבונן זיין אין מעשי אבות סימן לבנים, אין די פרשה פון 'אמונה טהורה' צו אויסשמועסן א ריינע אידישע נקודה.

אברהם אבינו דער טאטע פון כלל ישראל, דער ערשטער איד וואס האט געגלייבט אינעם אויבערשטן, דער ערשטער מענטש וואס האט זוכה געווען משיג צו זיין דעם בורא עולם אחד יחיד ומיוחד, דורך זיין אייגענע יגיעה, דורכדעם וואס ער האט זיך מתבונן געווען, ער האט זיך מעמיק געווען, ער האט פארשטאנען אז עס איז א הכרח אז 'יש מנהיג לבירה', און ער האט נאר געוואלט דערגיין און וויסן, מי מנהיג לבירה, און מיט אייגענע יגיעה און הארעוואניע האט ער זוכה געווען צום התגלות, און ער איז אזוי נתעלה געווארן ביז מיר זאגן יעדן טאג ביים דאווענען "אתה הוא ה' האלקים אשר בחרת באברם והוצאתו מאור כשדים ושמת את שמו אברהם ומצאת את לבבו נאמן לפניך".

די מעלה פון אברהם אבינו איז געווען אז ער איז נישט געווען אויבערפלעכליך, ער האט נישט געהאלטן אז די וועלט פארט מיט א סיסטעם, ער האט נישט מקבל געווען די כופר'ישע מיינונגען אז אלעס געשעט פון זיך אליין, די מיינונגען פון די אנשי דור הפלגה אז איינמאל אין טויזנט פינף הונדערט יאר איז נאטורליך 'העולם מתמוטט', און דעריבער איז וויכטיג אז דאס מענטשהייט זאל זיך באווארענען מיט'ן בויען א מגדל אונטערצוהאלטן דעם הימל - נישט צופיל אנדערש ווי די היינטיגע וויסנשאפטלער וואס זוכן נאר עצות צו ראטעווען די וועלט פון 'גלאבאלע ווארעמונג'.

אברהם אבינו האט געוואוסט איין זאך, יש מנהיג לבירה, דא איז דא א השגחה עליונה, דא איז דא א העכערע הימלישע האנט, וואס ער טוט אלעס, ער פירט אלעס, און יעדע איינציגע זאך וואס געשעט אויף דער וועלט איז נאר תלוי אין אים. און דאס האט ער בכל לבבו ונפשו געזוכט, און צו דעם האט ער חוקר געווען מיט אלע כוחות.

ווען ער האט זוכה געווען דאס משיג צו זיין איז ער געווארן דער אב המון גוים, ער האט זוכה געווען אז פון אים איז ארויסגעקומען דער כלל ישראל. פון אים איז ארויסגעקומען די גאלדענע קייט פון דעם עם סגולה וואס האבן מקבל געווען די הייליגע תורה. און די שלשלת הזהב וואס ציט זיך ווייטער דור אחר דור.

## אביסל ריינע מחשבה

מיר לעבן היינט אין א דור תהפוכות, כסדר זענען דא אומגעווענליכע געשעענישן, און נייעס איז עפעס וואס חזר'ט זיך איבער חדשים לבקרים, כאשר בא כן הולך, עס קומט און עס גייט און עס לויפט. רוב מענטשן זענען נייגעריג איבער די נייעס. די אויבערפלעכליכע שטותים וואס האט נישט אין זיך קיין שום ערנסטע ווערד, אבער דאך וויל מען אלעס פארשטיין מיט עיני השכל, און הערן וואס דער אדער יענער חכם האט צו זאגן דערויף, און די מיינונגען פון דעם גוי אדער יענער גוי. כמובן אז עס איז נאר אינטערעסאנט ביז ווען עס קומט אריין א פרישע נייעס וואס פארנעמט דעם אויבנאן ביי די נייגעריג-דארשטיגע מענטשן, און ביז עס איז דא עפעס אינטערעסאנטערס און וויכטיגערס מיט וואס זיך צו האלטן פארנומען.

אלס קינדער פון אברהם אבינו זענען מיר מחויב אנדערש צו קוקן אויף די מאורעות הזמן.

מיר לעבן היינט אין א 'פארגעשריטענע' וועלט, דער מענטש באווייזט אהערצושטעלן מעכטיגע ווערק, די היינטיגע וועלט מאכט פונעם מענטש אזא 'יש', אז צומאל פארגעסט מען זיך און מ'קען מיינען אז דער מענטש איז א כל יכול ח"ו. מיט יעדן פראבלעם גיבט מען זיך אן עצה. צו יעדע מחלה טרעפט מען א רפואה.

**אנשטאט צו שטיין און קייען די נייעס פון די גאס, אנשטאט צו מאכן סטאטיסטיקס, אנשטאט צו שטיין און ווערלן מכריח זיין דעם מציאות העולם לויט די אייגענע רצוניות, און רעדן בלויזע נארישע פאליטיק וואס פירן נישט אין ערגעץ, און ברענגען נישט צו קיין שום ציל, דארף די נייעס אויסגענוצט ווערן צו חיזוק אין אמונה ובטחון, חיזוק אין השגחה פרטיות, אריינבאקן אין זיך און אין די קינדער אז איין באשעפער פירט די וועלט, הוא לבדו עשה ועושה ויעשה לכל המעשים, און זיין 'דרך הטבע' איז דער גרעסטער נס איבער אלע ניסים.**

כסדר איז דא פרישע פאטענטן, טאקטיקן צו לעזן די אדער יענע פראבלעם, און אלעס קומט מיט'ן מכלומר'שטן ציל צו פארגרינגערן פאר דאס מענטשהייט. די וועלט איז געווארן פיצל. דאס פליען פון איין עק וועלט צו די צווייטע, און אפילו ארויס פון אונזער וועלטל, דאס קאמוניקירן איינער מיט'ן צווייטן, דאס לעבן אויף איין עק וועלט און מיטהאלטן לעבעדיג וואס טוט זיך אויפן צווייטן עק וועלט, דאס אלעס מאכט א בלינדע אמונה אינעם כח פונעם מענטש, אלעס וואס עס פאלט אים ביי קען ער, אלעס וואס ער וויל האט ער, און דער עצם מענטש איז אן ערנסטער כח, און אז מ'האט נאך יא עפעס א פראבלעם אויף די וועלט ווארט מען נאר צו הערן צי דער מענטש איז שוין אויפגעקומען מיט א לעזונג צום פראבלעם, צי דאס וועט אנקומען מארגן.

אין די היינטיגע פאריאגטע וועלט, ווען יעדער איז טרוד, מ'איז פארנומען, מ'לויפט און מ'לויפט, מאכט זיך זייער וויניג מאל ווען מען שטעלט זיך אפ, מ'נעמט זיך די צייט פאר א חשבון הנפש, עס

אראפזעצן און מתבונן זיין וואס עס טוט זיך אין זיינע אייגענע ד׳ אמות, ער באטראכט נישט זיין אייגענעם זעל, ער איז זיך נישט מתבונן אין זיך אליין, און ער קומט נישט אן צו די ידיעה פון ״מבשרי אחזה אלקי״, אז יעדע מינוט און יעדע רגע פון זיין לעבן זעט מען כביכול דעם רבש״ע אינעם מענטש אליין.

אין אונזער פאל, וויפיל מאל איז שוין אויסגעקומען ביז היינט צו באטראכטן למשל די פלאי הבריאה וואס דער רבש״ע האט געמאכט אז אין די הערבסט תקופה פאלן אראפ די בלעטער פון בוים און זי בלייבט פוסטע צוויגן איבער׳ן גאנצן ווינטער.

ווען מיר זאגן יעדן טאג ביי שמונה עשרה די ברכה פון ״מודים״, מ׳גיבט אפ א שבח והודאה פאר׳ן אויבערשטן, אויף וואס? מ׳רעכנט נישט אויס קיין אויסערגעוועונליכע נסים ונפלאות וואס מאכט פארכאפן דאס אטעם מיט התפעלות. ניין, בכלל נישט ״נודה לך ונספר תהלתך על חיינו המסורים בידך, ועל נשמותינו הפקודות לך״, פשוט, אויפ׳ן טאג טעגליכן לעבן, און אויפ׳ן פקדון וואס מיר געבן איבער אונזערע נשמות פאר כביכול ״ועל נסיך ונפלאותיך שבכל עת ערב ובקר וצהרים״, יעדע מינוט אין טאג, יעדע אטעם וואס מיר געבן, יעדע קלייניקע פאסירונג וואס מיר גייען אריבער איבער׳ן טאג איז נסים ונפלאות.

אונזער קערפער פונקציאנירט מיט ניסים, אונזער אטעם, דאס הארץ. די הונדערטער און טויזנטער סיבות וואס ליגט באהאלטן אין די טבע ווי אזוי א מענטש ווערט אויטאמאטיש אפגעהיטן פון אלע סארט מחלות, אלע אנשטעקיגע קרענק, אלע סכנות האורבות לו בדרך, דאס זענען טבע׳דיגע ניסים ונפלאות, און די געוואלדיגע מענטשליכע טעכנאלאגיע מיט די טיפסטע מוחות בלייבן שטיין פארגאפט וואס מער זיי לערנען און דערוויסן זיך איבער די פלא פונעם נאטור.

ווען מ׳איז זיך מתבונן אין די פשוט׳ע טבעי הבריאה בלייבט מען שטיין פארגאפט, מי ברא אלה, מי הוא בעל הבירה, און די מסקנא איז ווי געוואוינטשן, אני הוא בעל הבירה, מ׳זעט דעם יד ה׳ אויף טריט און שריט, מ׳זעט ווי ׳הוא ואין בלתו׳, אלעס ווערט געפירט פון אויבן, און די גאנצע טעכנאלאגיע ווערט פארשעמט און אראפגעקוקט, עס ווערט מינדערוויכטיג אין די אויגן די מעשי בשר ודם, גארנישט וויניגער ווי די געטשקעלעך וואס תרח אבי אברם האט פארקויפט פאר די מאסן.

אנשטאט צו שטיין און קייען די נייעס פון די גאס, אנשטאט צו מאכן סטאטיסטיקס, אנשטאט צו שטיין און וועלן מכריח זיין דעם מציאות העולם לויט די אייגענע רצוניות, און רעדן בלויז נארישע פאליטיק וואס פירן נישט אין ערגעץ, און ברענגען נישט צו קיין שום ציל, דארף די נייעס אויסגענוצט ווערן צו חיזוק אין אמונה ובטחון, חיזוק אין השגחה פרטיות, אריינבאקן אין זיך און אין די קינדער אז איין באשעפער פירט די וועלט, הוא לבדו עשה ועושה ויעשה לכל המעשים, און זיין ׳דרך הטבע׳ איז דער גרעסטער נס איבער אלע ניסים.

## ווען א שאלה איז די קלארסטע תשובה

ביז די לעצטע מינוטן שפעט דינסטאג נאכט האט מען נישט געוואוסט ווער עס וועט זיין דער קומענדיגער ׳גרויסער גוי׳... עס איז געווען א שמאלע ליניע ווער עס וועט ארויסגיין מיטן קאפ ארויף, און ווער מיטן קאפ אראפ. אה, די ׳משפיל גאים ומגביה שפלים׳ איז געווען אויף א גאר דינע ליניע, ביז די השגחה עליונה האט מכריע געווען כרצונו, וואס וועט בע״ה זיין לטובת אידישע ׳גלות אידן׳.

אבער בכל אופן, דער חלק הפאליטיק דערפון איז נישט אונזער פערזענליכער עסק.

מיר זענען ׳אברהם אבינו אידן׳, מיר ווייסן זיין מסקנא, ״יש מנהיג לבירה״, דער כל יכול, הוא בורא ומנהיג, ער איז דער מושל, ער איז דער מלך, און ער איז דער וואס האט צוגעגרייט גענוי דעם פלאן פאר אמעריקע, דער עתיד פון מלחמת רוסלאנד-אוקראינע, און די טובה פון אידישע קינדער אין ארץ ישראל און אין אמעריקע און ארום די וועלט.

**ווי לעכטיג איז פאר א איד וואס וועט מארגן אינדערפרי מאכן די ברכה ״שלא עשני עבד״ בקול רם! איך בין נישט קיין עבד כנעני, און נישט קיין חציו עבד וחציו בן חורין! איך בין נישט אויפגעבליבן דינסטאג נאכט ביזן עלות השחר צו וועלן מיטהאלטן די נאכאנאנדע באריכטן יעדע עטליכע מינוט וויאזוי די וואל-אויסגאנג האלט, ווייל מיין שיעור מיטוואך אינדערפרי איז מיר וויכטיגער!**

מיר ׳גלות אידן׳ זענען מתפלל בשלומה של מלכות, מיר בעטן דעם כל יכול ׳הנותן תשועה למלכים׳ זאל באשיצן דעם נייעם מושל, און אויסער דעם אינטערעסירט אונז גארנישט. מיר קענען קיינמאל נישט וויסן פון וואו די ישועה וועט קומען, און אויף וואספארא אופן דער רבש״ע וועט אונז העלפן צו ניצול ווערן פונעם סכנת החינוך, און אלע אנדערע צרות וואס שוועבן איבער די קעפ פון אידישע קינדער.

ווי לעכטיג איז פאר א איד וואס וועט מארגן אינדערפרי מאכן די ברכה ״שלא עשני עבד״ בקול רם! איך בין נישט קיין עבד כנעני, און נישט קיין חציו עבד וחציו בן חורין! איך בין נישט אויפגעבליבן דינסטאג נאכט ביזן עלות השחר צו וועלן מיטהאלטן די נאכאנאנדע באריכטן יעדע עטליכע מינוט וויאזוי די וואל-אויסגאנג האלט, ווייל מיין שיעור מיטוואך אינדערפרי איז מיר וויכטיגער!

״שלא עשני עבד!״ איך בין נישט קיין עבד פאר׳ן יצה״ר וואס האט מיך באונס געצווינגען צו קוקן אויף כלים טמאים, צו מטמא זיין די אויגן מיטן קוקן אויף צורות נשים, און עובר זיין אויף אן איסור דאורייתא פון ״ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם!״, ניין, איך בין בעה״ב אויף מיר, איך בין שטארק ביי מיר, און איך טו בלויז וואס א ריכטיגער בן חורין טוט.

אין לך בן חורין אלא מי שעוסק בתורה.

ואשרי מי שזוכה צו ווערן אנגערופן א בן חוריו.